אין פּרצ׳ס דרכים

דאס בוך פון אָפּאַטאָשו „אין די פוילישע וועלדער” ווייזט אן אויף א ציקאוון שטריך אינ׳ם יידישן לעבן פון דער היינטיגער צייט: אָט איז א יידישער שרייבער מיט א גענוג שטארקן טאַלענט און א גענוג הויכער מדרגה פון גייסטיגער אנטוויקלונג; ער וואוינט אין איינעם פון די גרעסטע יידישע קיבוצים וואו עס זיינען שוין פון לאנג אן קאָנצענטרירט די געדיכטעסטע יידישע ארבעטער־מאַסן פון דער וועלט; להפך צו דעם ס׳רוב פון די אידישע ישובים אין די אנדערע גלות־לענדער פון די פריהערדיגע און צום טייל אויך פון היינטיגע צייטן מיט זייערע בטלנים, שלימזלניקעס, קרומע רוקנס, קרעמערלאך, סרסורים און סתם לופט־מענשן מכל המינים, פארמאָגט דער דאָזיגער אויבנדערמאָנטער קיבוץ א געזונטן, הארעפּאשנעם און פּראדוקטיוון עולם, אין וועלכן עס קלאפּט דער דופּק פון ענערגישע און שעפערישע טואונגען. דוכט זיך, אז פאר א שרייבער מיט א שארפן קינצלערישן חוש און א גייסטיג אנטוויקלטן אינטעלעקט, וואס האט תמיד פאר זיינע אויגן אנ׳עולם פון אזא מין, האט זיך דא באדארפט צו אנטפלעקן א גאנצע שפע פון קינצלערישע מאטיוון. עפּעס א קלייניגקייט דאס איז: די אין שטאָל און אייזן געשמידטע וועלט־שטאָט מיט איהר מאַכטיגן אָטעם, דער גוואלדאָוונער ריטם פון א קאָכעדיגער, אומברחמנות־ענערגישער ארבעט, דער שטענדיג רירעוודיגער, פלינקער און פארטאָגנער עולם, דער הילכיגער טריט פון די „ארבעטער־באַטאַליאָנען” און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער...

פאר א טאלענטפולן און אינטעליגענטן קינצלער האט אזא מין צענטער געדארפט ווערן אנ׳אמתע שמאלץ־גרוב, פון וועלכער ער האט געדארפט שעפּן אין פולע הויפנס; דאס איז דאָך עפּעס נישט טונעיאַדאָווקע און נישט כתרילאָווקע! און א מאָדנע זאך — דער טאלענטפולער קינצלער ווערט עפּעס גאר נישט נתפעל פון דעם דאזיגן גאנצן טאַראראַם: די אין שטאָל און אייזן געשמידטע וועלט־שטאט שפּייזט נישט זיין כח הדמיון, דער גוואלדאוונער ריטם פון דער אומברחמנות־ענערגישער ארבעט מאכט אויף איהם נישט קיין טיפן רושם, דער רירעוודיגער, פלינקער און פאַרטאָגנער עולם רופט ביי איהם נישט ארויס קיין באזונדערע ליבשאפט צו זיך און דער הילכיגער טראט פון די „ארבעטער־באַטאַליאָנען” וועקט נישט אין זיין נשמה קיין שום אפּקלאנג; עס ציהט איהם גראד אין די טונעיאדאווקעס און די כתרילאווקעס, און דוקא אין די טונעיאדאווקעס און כתרילאווקעס פון די גאָר אמאָליגע צייטן, בעת אין דער יידישער היים האט געוועלטיגט ביד רמה די „פינסטערע” חסידות מיט איהרע צדיקים און איהרע קלייזלאַך און די נישט ווייניגער פינסטערע רבנות מיט איהרע לומדים און איהרע בתי־מדרשים, בעת די יידישע גאַס האט אבגעהילכט נישט פון דעם מאכטפולן טראט פון די ארבעטער־באטאַליאנען, נאָר פון דעם קול פון די וואויל־לערנערס איבער די גמרות, בעת די קלענערע און גרעסערע יידישע ישובים האבן געשוויבלט און געגריבלט פון בטלנים, כלי קודש, מקבלים, זיידענע יונגע־מאנטשיקעס, סרסורים, מעקלערס, קליינע סוחרימלאך און קרעמער מכל המינים און אלע ווינקעלאך פונ׳ם יידישן לעבן זיינען דורכגעדרונגען געווען מיט א טיף „רעאקציאנערער” רעליגיע. אט אין די דאזיגע „פינסטערע” וועלט אנטלויפט אונזער דיכטער פון דער גרויסער וועלטשטאָט מיט איהר גרויסער אינדוסטריע און איהר געבענטשטער קלאַסן־באוואוסטזיניגקייט. אין דער דאזיגער „פינסטערער” וועלט אנטפלעקט ער יענע ליכטיגקייט און שיינקייט, נאך וועלכע ער האט אומזיסט געגארט אין דער אטמאָספערע פון ביזנעס און טומל. דארט געפינט ער א שפע פון מאָטיוון פאר זיין קינצלערישע פאנטאזיע, וועלכע האט געשמאכט אין דער יידישער אמעריקע מיט איר רעקלאמע־מאכעריי. אָטדארטן רוט ער זיך אפּ פון דעם טעמפּ־מאכענדיגען געפּילדער פון דער וועלט־שטאטיגער ציוויליזאציע, וואו עס ליידט איטליכע נשמה, אין וועלכער עס קלאפּט אנ׳אמת דיכטערישע אָדער. און וואס איז דער הדוש, אז א טאלענטפולער שרייבער מיט אמתדיג־דיכטערישע באדערפענישן אנטלויפט פון דער אמעריקאניש־יידישער גאס אין די פוילישע וועלדער פון די אמאליגע „פינסטערע” צייטן מיט זייער „פינסטערן” לעבענס־שטייגער? לויט דעם באוואוסטן נוסח פון אונזער שפּאָגעל־נייער דעמאָקראטיע האט א געדיכט קאנצענטרירטער ארבעטער־קיבוץ מיט דער צייט פון זיך אליין געמוזט ארויסארבעטן א געזונטע, שטארקע און זאפטיגע קולטור להפך צו דער „פארשימעלטער” און זאפטלאזער קולטור פון די אמאליגע צייטן מיט זייער אבגעשטאנענעם לעבנס־שטייגער און זייערע דורך און דורך „רעאקציאָנערע” נטיות. אבער ווי אויף צו להכעיס האט דער בערך לאנגאָניגער קיום פון דעם „פראלעטארישן” ישוב אין אמעריקע ווייניג וואס אויפגעטון אין דעם תחום פון דער קולטור, נישט אין דער אלגעמיינער און נישט אין דער יידישער. לא די וואס דער יידישער ארבעטער־קיבוץ אין אמעריקע האט נישט באַוויזן צו באשאפן וועלכע נישט איז אייגענע קולטור מיט אנ׳אייגענעם פרצוף, האט ער אפילו נישט באוויזן אריבערצונעמען אין זיך די בעסערע און איידעלערע פארמען פון דער ארומיגער אזוי אנגערופענער „בירגערליכער” קולטור. מיר ווייסן גאנץ גוט, אז אין אמעריקא זיינען פאראן גרופּעס פון ערנסטע און דענקענדע מענשען, וועלכע פלייסן זיך מיט אלע כחות צו באשאפן אנ׳אמתדיגע יידישע קולטור; מיר ווייסן אז עס וואקסט דארט אַ יונגער יידישער דור, וועלכער איז פול מיט די בעסטע כונות און פונדסוועגען איז עס דאך א פאקט, אז די אמעריקאניש־יידישע ארבעטער־גאס האט איינגעזאפּט אין זיך דוקא נישט דאס בעסטע פון דער ארומיגער נישט־יידישער „בירגערליכער” קולטור; עס איז א באוואוסטער פאקט, אז צו דער אמעריקאניש־יידישער ארבעטער־גאס האבן זיך צוגענומען דוקא די ווייניגער איידעלע פארמען פון דעם אמעריקאנישן לעבן: אחוץ עטלאכע יידישע צייטונגען און זשורנאלן, וועלכע סטארן זיך צו פארפלאנצען קולטורעלע נטיות אין השגות באם לייענער־עולם, אויף ווי פיל עס לאזט זיך אין די גרעניצן פון דער אמעריקאנישער ציוויליזאציע בכלל, זיינען דאך געוואהנלאך אמעריקאניש־יידישע צייטונגען נישט דער ערך „געלער” איידער די נישט־יידישע „בירגערליכע” צייטונגען אין אמעריקע, איז דער אמעריקאניש־יידישער טעאטער געדאנקענלאָזער איידער דער נישט יידישער „בירגערליכער”

טעאטער, די אמעריקאניש־יידישע ליטעראטור בכלל אסך שוואכער הן לויט איר תוך אין הן לויט איהר פארם איידער די נישט־יידישע „בירגערליכע" ליטעראטור, און דער אמעריקאניש־יידישער בלאָף קאָמישער איידער דער נישט יידישער "בירגערליכער" בלאָף. דא איז נישט דער ארט אויסצופאָרשן באריכות די סבות, וועלכע האָבן געפירט צו אזא מין טרויריגע דערשיינונג. אפשר איז דאס דערפאר, וואס די אינטעליגענטערע עלעמענטן פונ׳ם יידישן עולם אין אמעריקא גייען ביסלעכווייז אוועק און אסימילירן זיך מיט דער אמעריקאניש־קריסטליכער באפעלקערונג: און אפשר זענען דא פאראן אויך אנדערע סבות. אבער אזוי צו אזוי — דער פאקט בלייבט א פאקט: דער יידיש־פּראָלעטארישער קיבוץ אין אמעריקע האט פאר דער גאנצער צייט פון זיין בערך לאַנגן קיום נישט נאָר נישט באוויזן צו אנטוויקלען אנ׳אייגענע גייסטיגע קולטור פון וועלכען נישט איז אלגעמיין־מענשליכען באטייט, נאר האט אריבערגענומען אין זיך דוקא נישט די בעסטע מדות און גיינג פון דער ארומיגער נישט יידישער „בירגערליכער" קולטור.

אָפּאַטאָשו פירט אונז אוועק אין די צייטן פאר דעם פוילישן בונט פון דעם יאר 1860, אנ׳ערך ארום די 40—60 גער יארן פון דעם פארגאנגענעם יאָרהונדערט. אין דער יידישער וועלט פאלן די דאזיגע צייטן צונויף מיט דער תקופה פון דער גרעסטער פארשפרייטונג פונ׳ם חסידיזם צווישן די יידישע קיבוצים אין פוילן, אוקריינע און צום טייל אויך אין ליטע, און פון דער פולקאמער שליטה פוי״ם חסידישן לעבנס־שטייגער אין דעם יידענטום פון די אויבענדערמאָנטע קאנטן. אין דער אייגענער צייט איז דאס אבער אויך דער אנהויב פון זיין גייסטיגער ירידה. דער חסידיזם האט זיך שוין דאן אנגעהויבן אויסצוליידיגן פון זיין גייסטיגן תוך, כדי מגולגל צו ווערן אין דעם אזוי אנגערופענעם צדיקיזם. דער מחבר פון די „פוילישע וועלדער" וויקלט פאנאנדער פאר אונזערע אויגן דעם בילד פונ׳ם אידישען לעבן אין יענע שוין א ביסל אומרוהיג געווארענע צייטן, ווען אין דעם שויס פון דער יידישער געזעלשאפט הויבט זיך שוין אן צוצוגרייטן דער אריבערגאנג צו א מאָדערנער תקופה, אבער וועלכע זיינען נאָך פול מיט א שטארקער גייסטיגער ענערגיע און דורך און דורך אנגעזאפט מיט די בעסטע השפעות פון א רייכן קולטורעלן עבר. מיט א האנד פון א געניטן קינצלער פירט ער פאָרביי פאר אונזערע אויגן פראכטפולע טיפּן פונ׳ם פארצייטיגן יידענטום, א רייכן רענדאר, א מקובל, א צדיק, א שורה פון יידישע יונגע לייט׳ דערצויגן אינ׳ם גייסט פונ׳ם אלטען יידענטום, נאָר שוין פארכאפּט פון אומקלאָרע גאַרונגען נאך אנדערע האָריזאָנטן. ער פירט אונז אריין אין דעם סאמען תוך פון אנ׳אומגעוואהנטלאך אויסגעהאלטענעם און פארטיפטן לעבנס־שטייגער, פול מיט גייסטיגע איבערלעבענישן און רעליגיעזע בענקשאפטן, וועלכע שפילט זיך אפּ פאר אונזערע אויגן אין די רעמלאך פון א רייכער, פרוכפּארער און בליהענדיגער נאטור מיט איהרע גרינע, בלומען־באזייטע לאנקעס, איהרע געדיכט־בוימיגע, שמעקעדיגע וועלדער און איהרע שטילע און ברייטע טייכן, וועלכע קייקלען בהרחבותדיג זייערע שפיגעל־גלאטע וואסערן. דער מחבר צעשטערט דורך זיינע באשרייבונגען די איינגעווארצעלטע מיינונג, אז דאס פארצייטיגע יידענטום איז תמיד גיווען פארשפארט צווישן די ענגע גראטעס פונ׳ם געטאָ און זיך תמיד געוואלגערט אין דער בלאטע פון די געטאָגעסלאך; ער ווייזט אונז אין זיינע באשרייבונגען דעם יידישן לעבנס־שטייגער, ווי ער איז ענג צונויפגעוואקסען מיט דער ארומיגער נאטור, מיט די פעלדער און וועלדער, מיט די לאנקעס און טייך־ברעגען. ער ווייזט אונז ווי די יידישע רעליגיעזע מיסטיק שפּראָצט ארויס אויף א נאַטירלכן אופן פון דעם פרוכפּאַרן און בליהענדיגען ערד־שויס, און ווי ער טראגט אין זיך תמיד די נטיה זיך ווידער צו פאראייניגען מיט איהם. און מיר זעהען, ווי די דאזיגע רעליגיעזע מיסטיק ווערט דער פאראיידעלטער אויסדרוק פון דער ארומיגער נאטור אין א סימבאָלישער פארם. זעהר אינטערעסאנט זיינען אויך די באציהונגען צום פוילישן יידענטום מצד דער נישט־יידישער סביבה לויט דעם ווי זיי שפיגלען זיך אפּ אין די באשרייבונגען פונ׳ם מחבר. צווישן דעם פוילישן יידענטום און דער קריסטליך־קאטוילישער סביבה זעהען מיר לחלוטין נישט יענע סימנים פון אכזריותדיגער שנאה, וועלכע זיינען אונז יידן אזוי גוט באקאנט אין דער היינטיגער צייט. פאר דעם פריץ אזוי גוט ווי פאר דעם פויער איז דער ייד לחלוטין נישט א פרעמדע און שעדליכע בריה, וועלכע מען דארף עוקר מן השרש זיין, נאָר מעהר נישט ווי אנ׳אנדער סאָרט מענש, וועלכער פּאסט אגב זעהר גוט אריין אין דעם גאנצן סדר פון דער מדינה. מיר זעהען דא אויך נישט קיין סימנים פון דערשלאגענקייט און שפלות מצד דעם יידן בנוגע צום נישט־יידן. פארקערט — דער פוילישער וואלד־שומר פילט זיך זעהר געהויבן דורכדעם, וואס דער רענדאר פארפירט מיט איהם א שמועס; דער פוילישער פויער, וועלכער לאזט אריין צו זיך אין שטוב איבערנעכטיגן מרדכ׳ן, דעם העלד פונ׳ם ראָמאַן און דעם זון פון דעם דאזיגן רענדאר, ווערט אויסר זיך פון התפעלות בעת ער ווערט גיוואָר, אז דער אומבאקאנטער אורח, וועמען ער האט אריינגעלאָזן נעכטיגן איז דער זון פון דעם „פּאַן שרייבער" אליין; און נאך אנדערע סצענקעס פון דעם אייגענעם מין.

דער דאזיגער מרדכי שטייט אין דעם סאמען מיטלפונקט פון דעם גאנצן ראמאן און ארום איהם גרופּירן זיך דאס די פארשיידענע פאסירונגען, פון וועלכע עס ווערט דאָ גירעדט. דאס איז א בעל־הבתיש יונגל, וועלכער ווערט פון זיין פאָטער, דעם רייכען רענדאר ר׳ אברהם, דערצויגן לויט דעם אלטן יידישן נוסח, אבער נישט אין דער פארשטיקטער אַטמאָספערע פונ׳ם אלטן חדר, נאָר אין דער פרייער לופט פון די ליפּאָווצער וועלדער. דער מחבר באנוצט זיך מיט דעם פשוט׳ן, פון לאנג אן באוואָרנטן מיטעל פון די עלטערע ראָמאן שרייבער, ווען זיי ווילן געבן דעם לייענער א בילד פון זייער דור: ער לאזט זיין העלד מאכן א נסיעה איבער דער וועלט; צוליב א סכסוך, וואס האט זיך געטראפן צווישן מרדכ׳ן און זיין פאטער איבער א נישט געוואונשענעם שדוך, שיקט אים דער דאזיגער אוועק אין דער פרעמד, צום קאָצקער צדיק, אין דער באלייטונג פון זיין רבי׳ן ר׳ איטשע דער מקובל. און דאס גיט דעם מחבר די שעת הכשר אויסצומאלן מיט א ברייטן פענזל און אין לעבעדיגע פארבן די פארשיידענע

סביבות, אין וועלכע דער העלד פון זיין ראמאן פאלט אריין. מיר האבן שוין דערמאנט וועגן דעם, אז די געמאלטע געשטאלטן און באשריבענע פאסירונגען האבן זיך דעם מחבר ס׳רוב גוט איינגעגעבן. פריש און לעבעדיג זיינען די בילדער פון די חסידים, וועלכע פארן צום רבי׳ן, בולט און קלאר איז דאס בילד פון דעם צדיק׳ס הויף מיט דעם גאנצן נעץ פון אינטריגעס, וועלכער ווערט גיוועבט ארום איהם. אבער דאס אליין וואלט אפשר נאך ניט געווען אזא גרויסע קינצלערישע מעלה. די געשטאלטן פון דעם אלטן פארצייטיגן דור — דאס איז א ברייט אויסגעטראטענער וועג, אויף וועלכן עס לאזט זיך גיין אהן שום מניעות. אבער דער מחבר האט אויפגעכאפט מיט א פיינעם חוש דעם באוועגונגס־ריטם פון יענע צייטן אין זיין גאנצער לעבעדיגקייט און פרישקייט און האט אונז געלאזט פילן דעם דופק־קלאפן פון א גרויסן און אינטערעסאנטן דור — און דאס איז א קינצלערישע מעלה, וועלכע מען טרעפט נישט אזוי אפט, בפרט אין אונזער צייט. און אחוץ דעם אלטן פארצייטיגן דור מיט זיין שארף ארומגעגרעניצטן פרצוף און זיינעם פון קדמונים אן פארגליווערטן לעבנס־נוסח לעבט דא נאך א יונגערער, זוכנדיגער און גאַרנדיגער דור, וואס הגם ער אליין געהערט שוין אויך דעם ווייטן עבר, איז דאך זיין גייסטיגער פרצוף עד היום געבליבן אביסל מטושטש. צום דאזיגן יונגערן דור געהערט דער העלד פונ׳ם ראמאן גופא און א גאנצע שורה פון זיינע חברים און גוטע פריינט. איבערצוגיבן די איבערלעבענישן פון אטדעם דאזיגן יונגערן דור מיט דעם נויטיגן קינצלערישן אמת איז גאר נישט קיין גרינגע אויפגאבע. דער מחבר איז אויך דאָ ארויס בשלום. די ערשטע ספקות בא דעם בתמימותדיגן מרדכי, די אנשטעלן און די פאלשע גענג פון זיין איבערגעשפיצטן חבר שמואל, דאס פארכאפט ווערן פון פויליש־פאטריאטישע שטימונגען בא דער אפגעפאלענער יידישער אינטעליגענץ — דאס אלץ ווערט איבערגעגיבן מיט דעם חוש פון אנ׳אמת׳ן דיכטער.

אז מען רעדט פון א יידישן מחבר מוז מען זיך באזונדער אפשטעלן אויף זיין שפראך, ווארום די שפראך איז אײנע פון די אנגעווייטיגסטע ערטער אין דער יידישער ליטעראטור. דער ענין פון דער שפראך שפילט אין דער יידישער ליטעראטור אהן אנ׳ערך א גרעסערע און חשובערע ראָלע איידער אין אלע אנדרע ליטעראטורן פון א געוויסן קולטורעלן באטייט. אין אלע אנדרע ליטעראטורן פון א געוויסן קולטורעלן באטייט פארמאגט די שפראך אזוי פעסט איינגעפונדעוועטע און אזא שפע פון כלערליי בא אלעמען אנגענומענע אויסדריקן, אז פון *דעם* אדער *יענעם* אויפן ווי דער יחיד באנוצט זיך מיט איר איז נאך גאר נישט ניכר, אויף וואס פאר א קינצלערישער און אינטעלעקטועלער מדרגה דער דאזיגער יחיד געפינט זיך; און א חוץ דעם קאן *דער* אדער *יענער* אופן פון דעם באנוצן זיך דא צו קיין שום סכנה נישט ברענגען. די יידישע שפראך געפינט זיך אבער לעת עתה אין אזא מצב פון אינעווייניגסטער אומזיכערקייט, וואס גרעניצט כמעט מיט אנ׳אינעווייניגסטער דעזארגאניזאציע, אז זי גיט דעם יחיד די פולע מעגליכקייט ארויסצווייזן זיין קינצלערישן חוש און זיין גייסטיגע אנטוויקלונג כמעט אין איטליכער שורה; *דער* אדער *יענער* אופן פון דעם באנוצן זיך מיט איהר זאגט תיכף א קלארע עדות הן פון דער מדרגה פון זיין קינצלערישער פיינקייט, הן פון דער מדרגה פון זיין אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג. און קאן אחוץ דעם אפטמאל משפיע זיין צום גוטן אדער צום בייזן אויך אויף דעם גורל פון דער ליטעראטור.

דער מחבר פון די „פוילישע וועלדער" פארמאגט א רייכן און זאפטיגן יידיש, וועלכער דערהויבט זיך אין אנדרע ערטער צו א גרויסער קינצלערישער הויך. און פונדעסטוועגן איז אפילו אזא פיינער קינצלער ווי אונזער מחבר לגמרי נישט פריי פון דער אייביגער צרה פון אלע היינטיגע יידישע שרייבער, דער מוראדיגער נישט־אפגעהיטקייט בנוגע צום שפראכליכן געצייג, מיט וועלכן זיי ארבעטן. וואס פאר א שרעקליכע אפגעלאזנקייט מצד פון אונזער מחבר בנוגע צו די פשוטסטע אויסדריקן און פארמען, אנ׳אפגעלאזנקייט, וועלכע דערגייט אפטמאל ממש ביז צו פולקאמע הפקרות! קודם כל באנוצט ער זיך מיט א שלל פון דייטשמערישע אויסדריקן אהן קיין שום נויטיגקייט, און עס איז ביי אונז קיין שום ספק נישטא אין דעריין, אז ער וואלט זעהר גוט געקאנט אויסקומען אהן זיי. דער מחבר שרייבט: *קלימפערן, פעאיג, באהאנדעלט, געערגערט, אויסנאם, געוויספערט, ערפאלגרייך, רונד, באגאנגען, פילייכט, געמינצט, בוכשטאבן, הויזן* (לעבן בשלום), און אנדערע לחלוטין דייטשישע אויסדרוקן געשריבן מיט די אותיות פונ׳ם יידישן אלף־בית. אויב מען מעג זיך באנוצן מיט אזוינע דורך און דורך דייטשישע ווערטער ווי קלימפערן, געוויספערט, געמינצט, געערגערט, פילייכט, ערפאלגרייך און הויזן, טא פאר וואס זאל מען שוין אין גאנצן נישט שרייבן קיין דייטש? אבער דאס דייטשמעריש איז שוין אנ׳אלטע קרענק, פון וועלכער עס איז זעהר שווער זיך אויסצוהיילן אין גאנצן; עס דייטשלען זיך ס׳רוב אזוינע שרייבער, וועלכע זיינען לא־עלינו גרויסע עמי־הארצים אין דעם פרט פון דער דייטשישער שפראך און דער דייטשישער ליטעראטור. עס שטעקט נאך אין דעריין א שטיק פון דער אלטער קליינשטעטילשער בטלנות. ערגער ווי דאס דייטשמעריש איז ביי אונזער מחבר זיין משונהדיגע באציהונג צו דער יידישער גראמאטיק. פראסטע מענשן פלעגן אפטמאל טענה׳ן, אז יידיש איז נישט קיין שפראך, ווייל זי האט נישט קיין גראמאטיק. געמיינט האבן זיי, פארשטייט זיך, א *געשריבענע* גראמאטיק, נישט וויסנדיג, אז א שפראך אהן גראמאטיק איז ניט בנמצא, ווי עס איז ניט בנמצא אנ׳ארגאניזם אהן א פארם. לייענענדיג אבער אונזערן מחבר קאן מען טאקע אין דער אמת׳ן מיינען, אז יידיש האט נישט קיין גראמאטיק! דער מחבר שרייבט: *דאס געזאנג, דאס חדר, דאס חסידות* אנשטאט דער געזאנג, דער חדר און די חסידות.

מען זעהט באשיימפערלאך, אז דער מחבר באנוצט דעם ארטיקל אהן אַ שום שטה אמאל אזוי און אמאל אזוי, ווי עס פארווילט זיך אים, אזוי ווי יידיש וואלט גאר נישט געהאט קיין באשטימטע כללים אין דעם דאזיגן פרט. דער מחבר שרייבט אין אנ׳ארט פון זיין בוך (ז. 260): „צו ס׳זאל אלץ האבן גיוועזן א חלום?" אנשטאט צו שרייבן „צו ס׳זאל

אלץ גיוועז זיין א חלום?" ווארום מען זאגט דאך נישט: איך האב, דו האסט, ער האט גיוועז, נאר איך בין, דו ביזט, ער איז גיוועז. דעם אייגענעם גרייז מאכט ער אין אנ׳אנדער ארט פון זיין בוך (ז׳ 201), וואו ער שרייבט: „איר זייט דען גיהאט ארויסגעגאנגען?" אנשטאט צו שרייבן: „איר זייט דען ג י ו ו ע ן ארויסגעגאנגען?" — ווארום מען זאגט דאך נישט: איך האב, דו האסט, ער האט ארויסגעגאנגן, נאר איך בין, דו ביסט, ער איז ארויסגעגאנגען. ווידער אין אנ׳אנדער ארט, (ז׳ 66) שרייבט ער: „טריף געמאכט די רעביצינס שאלות" אנשטאט צו שרייבן: טריף גימאכט ד ע ר רביצינס שאלות — די שאלות פ ו ן דער רביצ׳ן.

ווי עס איז ניכר פונם בוך קאן דער מחבר זעהר גוט העברעאיש, און ווי עס ווייזט אויס איז ער אפילו א בר אוריין. און נישט קוקנדיג אויף דערויף איז ער אויך דא זעהר אפגעלאזן; ער שרייבט: מדחיק גיוועזן אנשטאט דוחה גיוועזן, הויות אנשטאט ה ע ו י ו ת (הויות אהן אנ„ע" האט אין העברעאיש גאר אנ׳אנדער באטייט), בדחילה ורחימה אנשטאט ב ד ח י ל ו ו ר ח י מ ו, נפשימלאך אנשטאט נ פ ש ו ת ל א ך, „נאכל ונשתה כי מחר נמות" אנשטאט „א כ ו ל ו ש ת ו כ י מ ח ר נ מ ו ת" ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיה כ״ב, פסוק י״ג).

ד״ר ר. זעליגמאן.

פונ׳ם האנטשריפט תנ״ך רייכלין I, קארלסרוהע, רייכלינ׳ס ביבליאטעק.
From the Bible Codex Reuchlin I, Karlsruhe, Reuchlin Library.

גערשענזאנס אפזאג פון קולטור[1]

א מערקווירדיגע ערשיינונג איז אָט דער גערשענזאן. ער איז איינער פון די בעסטע רוסישע סטיליסטן, איינער, וואס זיין גלייכן איז שווער צו געפינען צווישן די געקינסטעלטע און פילווארטיגע שרייבער פון היינט; א טיפער און ערנסטער אויספארשער פון דער סלאוואפילישער ליטעראטור; א ביאָגראף און גלענצענדער עסאיסט, וועלכער האט א סך מחדש געוועזן אויף דעם געביט, מיט איין ווארט: א ריכטיגער י ש ר א ל, וואס איז געפאנגען געווארן צווישן די ג ו י י ם.

גערשענזאן האט לאנג ארומגעבלאנדזעט אין די פעלדער פון דער אייראפעאישער קולטור, וואס אין אירע קוואלן האט ער געגלויבט צו שטילן זיין דארשט, וואו ער האט געזוכט זיינע קולטור־ווערטן און אפילו זיין גאט — מיט א סך אנדערע רוסישע „גאטזוכער" צוגלייך. באזונדערס האט ער זיך פארטיפט אין די גאטזוכענישן פון איינעגע העכסט אָריגינעלע רוסישע דענקער, וואס פאָר אים זיינען זיי געוועזן ווייניג באקאנט, — פון א פעטשאָרין, א טשאַדאַיעֶוו, און אנדערע, אַלץ אזוינע רעליגיעזע דענקער, וואס האבן געשטרעבט צו געפינען א סינטעז, אן אויסגלייך צווישן דער רוסישער וועלטאנשויאונג און דער מערבדיגער קולטור. גערשענזאן איז געוועזן ניט נאָר אַ טרוקענער מאטעריאל־זאמלער, ניט נאָר א ביאָגראף פון אָט די אינטערעסאנטע פערזענליכקייטן, נאָר ער האט אויך געהאפט צו געפינען אין זיי פארבילדער, מורה־

[1]) פארגל. זיין קארעספאנדענץ מיט וויאטשעסלאוו איוואנאוון:
„Переписка из двух углов", Москва-Берлин, 1922 г.